קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

## סוכות

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

שנת תשפ"ד לפ"ק

· אידיש ·

כל הזכויות שמורות

## בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים וגו' לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם.

**א)** דער זרע קודש שטעלט זיך אויפן לשון 'ידעו', אויב איז דער גאנצער ענין פון סוכה אלס א זכר צו געדענקען דעם נס פון די 'ענני הכבוד', וואלט געדארפט שטיין "למען תזכרו"; פונקט ווי עס שטייט דער לשון ביי די אלע מצוות וואס זענען א 'זכר ליציאת מצרים'. דער לשון 'ידעו' ווייזט עפעס מער א לשון פון וויסן און פארשטיין מיטן שכל. וואס איז די כוונה?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון 'דורותיכם', די גאנצע תורה איז דאך געגעבן געווארן אויף אלע ווייטערדיגע דורות, פארוואס פונקט דא איז די תורה מדגיש דעם ענין פון די שפעטערע דורות?

**ג)** בכלל דארף מען פארשטיין, פארוואס מאכט מען א זכר בלויז פאר דעם נס פון די ענני הכבוד? עס האט זיך דאך אפגעטון אין מדבר אזויפיל נסים - חוץ פונעם גרויסן און עיקר נס פון יציאת מצרים - אן קיין שיעור, דער מן, דער באר, דער עמוד ענן און דער עמוד האש, שמלתך לא בלתה וגו', און מען מאכט נישט קיין שום זכר דערצו - נאר בלויז צו די ענני כבוד?

**ד)** עס שטייט אין מדרש (ילקו"ש תהלים עו): "ויהי בשלם סוכו. אמר רבי ברכיה מתחלת ברייתו של עולם עשה לו הקב"ה סוכה בירושלים" - בשעת'ן באשאפן די וועלט האט דער אייבערשטער זיך געמאכט א סוכה אין ירושלים. דארף מען צו פארשטיין דעם ענין, פארוואס פונקט א סוכה און פארוואס דוקא אין ירושלים? און פארוואס האט ער דאס געדארפט מאכן באלד ביים אנפאנג בריאת העולם?

**ה)** די גמרא זאגט (ע"ז ג.): "אמרו לפניו רבונו של עולם תנה לנו מראש ונעשנה וכו' מצוה קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה וכו' מיד כל אחד ואחד נוטל והולך ועושה סוכה בראש גגו והקדוש ברוך הוא מקדיר עליהם חמה בתקופת תמוז וכל אחד ואחד מבעט בסוכתו ויוצא, והאמר רבא מצטער פטור מן הסוכה, נהי דפטור בעוטי מי מבעטי" - לעתיד וועלן די גוים טענה'ן אז זיי ווילן אויך היטן די תורה און באקומען שכר, וועט מען

זיי געבן די מצוה פון סוכה, אבער דער אייבערשטער וועט מאכן אזא שטארקע זון, אז זיי וועלן ארויסגיין פון דער סוכה און ארויסגייענדיג וועלן זיי שטויסן די סוכה. פרעגט די גמרא: א מצטער איז דאך פטור פון סוכה? ענטפערט די גמרא: ריכטיג מען איז טאקע פטור, אבער א איד שטויסט נישט אין דער סוכה ווען ער גייט ארויס דערפון. לכאורה איז דאס א שטיקל לימוד וואס מען קען זיך אפלערנען בכלליות, אז דער חילוק צווישן א איד און א גוי איז, אז א איד אפילו ווען ער האט א צרה ל"ע און ער איז בצער ח"ו, שטויסט ער אבער נישט אין דער הנהגה העליונה, נאר ער איז עס מקבל מיט הכנעה. דארף מען אבער פארשטיין וואס האט דער לימוד א שייכות מיטן ענין פון סוכה?

**מען** זאגט: "אזמין לסעודתא אושפיזין עילאין" - די אושפיזין קומען אריין אין דער סוכה. דאס הייסט, אז זיי ברענגען אריין - יעדער איינער זיין כח און מדה - אין דער סוכה. היינט איז דאך די אושפיזא פונעם הייליגן יעקב אבינו, איז דאך אודאי אז זיין הייליגע מדה קומט ארויס דורך די מצות סוכה, דארף מען זיך מתבונן זיין דעם שייכות פון יעקב אבינו צו דער סוכה.

**מען** טרעפט ביי יעקב אבינו, אז ער האט געהאט צוויי נעמען 'יעקב' און 'ישראל', און ביידע נעמען זענען געבליבן ביי אים; ווי די גמרא זאגט (ברכות יג.): "כל הקורא לאברהם אברם עובר בעשה שנאמר והיה שמך אברהם וכו' אלא מעתה הקורא ליעקב יעקב הכי נמי, שאני התם דהדר אהדריה קרא" - נאכדעם ווי דער אייבערשטער האט אים א נאמען געגעבן 'אברהם', טרעפט מען מער נישט אין דער תורה אז מען זאל אים אנרופן מיטן נאמען 'אברם', אבער ביי יעקב איז יא געבליבן דער נאמען 'יעקב'. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם ענין פארוואס איז טאקע ביי איהם געבליבען די צוויי נעמען?

**עס** קען אפשר זיין אזוי. עס איז דאך באקאנט, אז דער נאמען 'יעקב' ווייזט אויף ענוה און שפלות; ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה מא, יד): "תולעת יעקב", און דער נאמען 'ישראל' ווייזט אויפן לשון 'שררה', וואס דאס א העכערע מדרגה. און בעצם, יעדער מענטש - אפילו א גוי - האט אמאל צייטן פון שפלות און ער האט אמאל צייטן פון גדלות, אבער דער עיקר חידוש פון א איד, שטעקט אין דעם וואס ער האט שטענדיג ביידע נעמען!

ביי א איד איז נישטא אזא זאך, אז יעצט איז ער נאר אין א מצב פון גדלות און ער פארגעסט פון זיין שפלות און ענוה, ניין! אפילו ווען א איד איז ברום המעלה בגשמיות אדער ברוחניות - ווערט ער נישט גרויס ביי זיך; ווי עס שטייט ביים מלך ישראל (דברים י״ז): ״לבלתי רום לבבו מאחיו״, נאר ער האלט זיך בשפלות און בענוה; און ווי דער חובת הלבבות זאגט (שער יחוד המעשה פ״ה): ״שבתם מן המלחמה הקטנה התעתדו למלחמה הגדולה״ - דיביידע מלחמות קען ארויפגיין אויף דער מלחמת היצר, אז אפילו נאכדעם וואס א מענטש האט מכניע געווען דעם יצר הרע פון עבירה וכדומה, הייבט זיך אבער אן א גרעסערע מלחמה מיטן יצר הרע פון גאות, און אויף דעם דארף מען האבן דעם כח פונעם נאמען ׳יעקב׳, וואס דאס ווייזט אויף שפלות און הכנעה.

**און** אזוי אויך פארקערט, ווען א איד איז חלילה אין א שפלות׳דיגן מצב, צי בגשמיות צי ברוחניות, טאר ער נישט בלייבן בלויז ביי דער בחינה פון ׳יעקב׳, און חלילה זיין צוקלאפט ביי זיך, ניין! ער דארף זיך אויפהייבן מיט א גדלות און א גאוה דקדושה; ווי עס שטייט (דברי הימים ב יז, ו): ״ויגבה לבו בדרכי ה׳״, ער דארף נוצן דעם נאמען ׳ישראל׳ צו זיין שטאלץ אז ער איז א איד! ער דארף זיך האלטן העכער פונעם גוי, און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך זייערע נידריגקייטן! און אזוי אויך, דארף ער גלייבן, אז דער אייבערשטער וועט אים נאך אויפרעכטן און העלפן ארויסצוגיין פון אלע זיינע יסורים! און דאס איז דער כח פון א איד, אז אין יעדן מצב קען ער זיך מחזק זיין מיט אמונה, וואס דאס איז אלעס דער כח פונעם נאמען ׳ישראל׳.

**די** גמרא זאגט (מגילה טז.): ״אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים כשהן יורדין יורדין עד עפר וכשהן עולין עולין עד לכוכבים״ - אידן האבן א כח פון ׳עפר׳ און פון ׳כוכבים׳, זיי קענען חלילה פאלן גאר נידריג און זיך דערהייבן גאר הויך. לויט ווי מען זאגט דא קען זיין, אז דאס ברענגט ארויס דעם ספעציעלן כח פון כלל ישראל, אז אפילו בשעת ווען זיי גייען נעבעך אראפ אזוי נידריג ביז צו דער ערד, דאך זענען זיי אין דער זעלבער צייט אויך צוגעבינדן צו דער העכסטער בחינה ביז צום הימל! זיי האבן א כח פון אמונה און חיזוק - אפילו אינעם נידריגסטן מצב! און אזוי אויך פארקערט, אפילו ווען זיי ווערן דערהויבן, זיי גייען אזוי הויך ביז צום הימל, דאך ווערן

זיי נישט גרויס ביי זיך, נאר זיי זענען מקושר צום 'יורדין עד לעפר', אז זיי ווייסן, אז ווען נישט די 'רחמי שמים' וואס האט זיי מעלה געווען אזוי הויך, וואלטן זיי געקענט אנקומען ביז צו דער ערד, וואס דאס ווייזט אויף דער נידריגסטער מדרגה, און דורכדעם ווערן זיי נישט בגאוה. און עס קען אפשר זיין, אז טאקע אין דעם זכות וואס אידן געדענקען דעם 'שפלות' אפילו אין א זמן פון 'גדלות' - העלפט מען זיי פון הימל, אז ווען מען פאלט נעבעך אריין אין זמני קטנות, זאל מען קענען געדענקען דעם גדלות ישראל און זיך מחזק זיין דערמיט.

**אז** מען קוקט זיך איין, זעט מען אז דאס איז געווען א כח מיוחד פון יעקב אבינו - וואס מען טרעפט דאס נישט אזוי ווייט ביי אברהם און יצחק. ווייל ביי יעקב זעט מען, אז די שפלות מיט די גדלות זענען געגאנגען צוזאמען. דוקא בשעת ער איז אנטלאפן פון עשו, האט ער געלערנט תורה פערצן יאר ביי שם ועבר, און דוקא ביי לבן'ען אין שטוב - האט ער אויפגעשטעלט די י"ב שבטי י-ה, וואס דאס איז דער יסוד פונעם גאנצן כלל ישראל. און אזוי ווייטער, זיין גאנצע לעבן איז געווען א צוזאמשטעל פון 'שפלות' מיט 'גדלות' אינאיינעם. און מען זעט טאקע, אז בשעת ווען יעקב אבינו איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, האט אים דער אייבערשטער געגעבן א הבטחה (בראשית מו, ד): "אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה", וואס לכאורה איז שווער דער איבריגער ווארט 'גם' עלה? נאר דא איז מרומז טאקע די בחינה, אז אפילו בשעת'ן אראפגיין קיין מצרים, וועסטו שוין דעמאלט האבן דעם התחזקות פון דעם 'עלה'! דו וועסט לכתחלה נישט אינגאנצן אריינפאלן אינעם שפלות פון מצרים, נאר דו וועסט א גאנצן צייט געדענקען דעם גדלות וואס דו וועסט נאך זוכה זיין ביי יציאת מצרים! וואס דאס איז טאקע דער כח פון דיביידע נעמען, יעקב און ישראל.

**עס** קען זיין, אז דאס איז געווען די גאנצע מלחמה פון "ויאבק איש עמו", וואס דער שר של עשו האט מלחמה געהאלטן מיט אים אויף ביידע אופנים, ער האט געזוכט אים אריינצוברענגען שפלות און יאוש - דורך די אלע צרות און יסורים וואס כלל ישראל וועלן דורכגיין, און ער האט אויך געזוכט אים אריינצוברענגען גאות - דורך די אלע גדלות'ן וואס אידן וועלן

זוכה זיין, וואס ווי געזעדט, איז דאס די 'מלחמה הגדולה' פונעם יצר הרע. אבער "וירא כי לא יכול לו", ווי נאר דער מלאך האט געזען אז ער קען אים נישט בייקומען אויף קיין שום וועג, ער לאזט זיך נישט אריינווארפן אין קיין פסול'ע שפלות און אויך נישט אין קיין פסול'ע גאות, דעמאלט האט אים דער מלאך געזאגט: "**לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ כִּי אִם יִשְׂרָאֵל**" - פון היינט און ווייטער וועסטו נישט הייסן **בלויז** 'יעקב', נאר דו וועסט **אויך** הייסן 'ישראל', ווייל דו האסט אין דיר ביידע כוחות, סיי זיך צו האלטן קליין בענוה, און אין דער זעלבער צייט, זיך צו דערהייבן מיט א גאוה דקדושה. און 'מעשה אבות סימן לבנים', מיט דעם כח וואס מיר האבן גע'ירש'נט פון יעקב אבינו קענען מיר זיך דערהאלטן אין גלות - אין אלע מצבים און אין אלערליי נסיונות.

**ביי** סוכה טרעפט מען צוויי הלכות: איינס, אז עס דארף זיין א 'צל סוכה', וואס עס זאל נישט זיין 'חמתה מרובה מצלתה', צווייטנס, אז עס דארף זיין 'כוכבים נראין בתוכה'.

**דער** ענין פון 'חמה' איז מרמז אויף די גוים - וועלכע רעכענען דאס יאר לויטן שנת החמה. און ליידער זענען מיר פארטריבן געווארן אין גלות צווישן די גוים, וואס די סוכה איז דאך אויך מרמז אויף גלות; ווי מען זאגט ביים יהי רצון: "בזכות צאתי מביתי החוצה יחשב לי כאילו הרחקתי נדוד", דאס הייסט, די אומות העולם פייניגן אונז מיט צרות און יסורים בגשמיות און ברוחניות און זיי פארלייגן זיך אז עס זאל זיין חס ושלום 'חמתה מרובה', מען זאל ווערן פאר'גוי'אישט און אריינפאלן אין א יאוש חלילה. קומט א איד און מאכט א שאטן זיך צו באשיצן פון דער זון, פון די גוים, און זיך דערהייבן מיט דער בחינה פון 'ישראל'. און דער שאטן, דאס איז דער כח פון 'אמונה'; ווי דער זוהר הק' רופט עס 'צלא דמהימנותא', דער צל פון אמונה; און ווי דער קאזניצער מגיד זי"ע זאגט (עבודת ישראל פרשת ראה), אז 'אמת' מיינט, ווען מען זעט א זאך קלאר און מען קען עס נישט לייקענען, און 'אמונה' מיינט, ווען מען זעט עס נישט, אבער מען גלייבט אז עס איז אזוי. דעריבער, בשעת ווען מען איז אין גלות אינעם גרויסן שפלות צווישן די אומות העולם, וואס ליידער זעט מען נישט גארנישט, עס איז א הסתר פנים - מוז מען זיך באשיצן מיטן כח פון אמונה, צו גלייבן אינעם 'כוכבים נראין בתוכה', וואס

דאס איז דער כח פון 'כשהן עולין עולין עד לכוכבים', אז אידן זאלן זיך מחזק זיין מיטן גדלות פון כלל ישראל, צו וויסן און גלייבן אז א איד איז גאר גרויס און הויך! **א איד קומט אן - מיט יעדע תנועה זיינע - ביז צום כסא הכבוד!**

**אויב** די סוכה ווייזט אויף 'גלות', ווערט דאך לכאורה שווער: פארוואס האט דער אייבערשטער אונז אריינגעזעצט אין דער סוכה ווען מיר זענען געווען אין מדבר - נאכן ארויסגיין פון מצרים? דעמאלט איז דאך געווען א זמן פון א 'גאולה' - נישט קיין זמן פון 'גלות'? פארוואס האט מען דעמאלט געדארפט מאכן אן ענין פון גלות? נאר דער תירוץ איז טאקע ווי מיר האבן גערעדט, אז דער עיקר חידוש פון א איד איז דער צוזאמשטעל פוןביידע נעמען 'יעקב' און 'ישראל' - וואס דאס זענען די ביידע כוחות אויפאיינמאל, אז אפילו ווען מען האט זוכה געווען צו אזא גדלות פון 'יציאת מצרים', זאל מען נישט פארגעסן פונעם שפלות פון גלות, כדי מען זאל נישט אריינפאלן אין קיין גאות. און ווי גערעדט, איז דאס אויך א זכות, אז דורכדעם וואס בשעת'ן גדלות געדענקט א איד דעם ענין פון ענוה, קען מען דורכדעם זוכה זיין צו דער פארקערטער בחינה, אז אפילו אינעם שפלות, זאל מען זיך קענען מחזק זיין מיט דער בחינה פון 'ישראל'.

**און** דערפאר זאגט די תורה: "למען ידעו דורותיכם" - דער ענין פון סוכה איז נישט בלויז א 'זכר', נאר דאס איז א וויכטיגע ידיעה וואס מען דארף דאס גוט אפלערנען און אריינעמען אין זיך! און דער עיקר איז טאקע פאר די 'דורותיכם' - די שפעטערע דורות וואס וועלן זיין אין אזא כובד הגלות, און וועלן האבן אזעלכע נסיונות פון אריינפאלן אינעם שפלות פונעם גלות, זיי זאלן זיך קענען מחזק זיין מיטן כח פון דער סוכה, אז זיי זאלן מאכן א צל זיך צו באשיצן פון די אומות העולם, און טאקע דורך די 'כוכבים נראין', דורכדעם וואס זיי וועלן געדענקען זייער גרויסקייט און גדלות. און דאס וועט זיי געבן א כח זיך צו קענען מחזק זיין שטענדיג מיט א 'גאות דקדושה'. און דאס אלעס איז אינעם זכות פון "בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים" - דורכדעם וואס עטץ זענט דעמאלט - אינעם זמן פון גדלות - געזעסן אין דער סוכה, האט עטץ באקומען דעם כח צו קענען לעבן מיטן גדלות אפילו אין א זמן פון קטנות.

**עס** קען אויך זיין, אז 'למען ידעו' איז פונעם לשון 'חיבור'; ווי עס שטייט (בראשית ד'): "והאדם ידע", און דאס איז אויך דער לשון: "סוכת עורו של לויתן", 'לויתן' איז אויך א לשון פון 'חיבור'; ווי עס שטייט (בראשית כ"ט) "ילוה אישי אלי". אז אפילו אויב א איד האלט נאכנישט ביי דער שלימות פון דער מדרגה צו קענען זען די כוכבים, דעם גדלות ישראל, זאל ער כאטש האבן א שטיקל התחברות און שייכות דערצו, דאס הייסט, אז א איד דארף זיך מחבר זיין מיטן כח פון דער סוכה פון לעתיד, און דורכדעם וועט ער זיך קענען דערהאלטן אין גלות.

**דאס** קען זיין פשט אינעם מדרש, באלד ביים אנפאנג פון בריאת העולם, נאך איידער אידן זענען אראפגעפאלן אין אזא נידריגן מצב, האט שוין דער אייבערשטער מקדים געווען די רפואה למכה, און דערפאר האט ער געמאכט א חיבור צווישן 'סוכה' מיט 'ירושלים'. ירושלים איז דאך די הויכע בחינה פון א גאולה, די בחינה פון 'ישראל', און דוקא דארט האט דער אייבערשטער געבויעט א סוכה - וואס דאס ווייזט אויף גלות, די בחינה פון 'יעקב', כדי אריינצוגעבן א כח אין כלל ישראל, אז אפילו ווען זיי וועלן זיין אין גלות, זאלן זיי דעמאלט אויך האבן א שייכות צו דער גאולה! זיי זאלן דעמאלט אויך געדענקען און זיך מחזק זיין מיט דעם אור פון דער גאולה העתידה און בנין ירושלים! און זיי זאלן נישט פארלירן זייער אמונה צוליב דעם כובד הגלות.

**מיט** דעם פארשטייט מען וואס דער ערשטער בעלזער רב ז"ל האט געזאגט: אז סוכה האט קדושת ארץ ישראל. דאס נעמט זיך פון דעם 'סוכה בירושלים' וואס דער אייבערשטער האט געבויעט, כדי אריינצושיינען אין דער סוכה וואס איז מרמז אויפן גלות - א קדושה פון ירושלים, כדי מען זאל זיך קענען דערהאלטן אין גלות.

**און** דערפאר וועט טאקע די גאנצע גאולה העתידה זיין אינעם זכות פון מצות סוכה; ווי מען האט געברענגט די גמרא אין עבודה זרה. ווייל דוקא דורכן כח פון די סוכה, האבן אידן געהאט כח זיך צו דערהאלטן אינעם שווערן גלות. און מיט דעם וועט זיך טאקע ארויסשטעלן דער כלליות'דיגער חילוק צווישן א גוי און א איד, אז דער גוי וועט שטויסן די סוכה, וואס דאס ווייזט אז ער קען נישט מקבל זיין קיין צער און יסורים, ווייל ער האט נישט

דעם כח פון ׳יעקב׳ און ׳ישראל׳ צוזאמען, אז בשעת ווען ער ליידט צרות, זאל ער אויך אין דער זעלבער צייט בלייבן דערהויבן און בגדלות, און נאר דער איד האט דעם כח פון ׳לא מבעטי׳, וואס דאס נעמט זיך טאקע פון דער סוכה גופא, וועלכע איז רומז אויף שפלות און גדלות אינאיינעם.

**און** דאס אלעס נעמט זיך פונעם כח פונעם הייליגן אושפיזא יעקב אבינו עליו השלום, וואס ער האט דיביידע בחינות ׳יעקב׳ און ׳ישראל׳. און דורכדעם וואס ער קומט אריין אין דער סוכה, ברענגט ער אריין די בחינה אין דער סוכה אריין, אז די אלע אידן וואס זיצן אין דער סוכה זאלן האבן דעם כח פון ׳אמונה׳, צלא דמהימנותא, און אין גלות זאל מען קענען זען די כוכבים און זיך דערהייבן מיט דעם האפענונג פון דער גאולה און מיט א גאוה דקדושה. דאס קען זיין מרומז אין פסוק (בראשית ל״ג): ״ וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה״ - דורכדעם וואס יעקב קומט דא אריין אין דער סוכה אריין און ער ברענגט אריין זיינע ביידע בחינות, ״ויבן לו בית״ - דורכדעם האט כלל ישראל א קיום אין גלות. ׳בית׳ איז מרמז אויף ׳קיום׳; ווי עס שטייט (משלי י״ב): ״ובית צדיקים יעמוד״. ווייל נאר דורכן כח פון ביידע כוחות צוזאמען, האבן אידן א קיום אין אלע זמנים, ווייל דער אור פונעם עתיד גיבט אריין כוחות שוין יעצט זייענדיג אין גלות.

**איך** האב טאקע אמאל געהערט פון סקווירא רבי׳ן זכרונו לברכה: ״א נס די ימים טובים! אז נישט, ווייס איך נישט וויאזוי מען וואלט זיך געקאנט דערהאלטן!״.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין אריינגנעמען און איינזאפן אין זיך די כוחות הקדושה פונעם הייליגן יום טוב, פון די סוכה, און פון די ד׳ מינים - וואס איז מרומז אויף אלע סארט אידן (כדאיתא בויקרא רבה ל׳ י״ב), און מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה פון ׳ושמחת בחגך׳, און האבן א שמחה א גאנץ יאר; ווי דער תפארת שלמה זאגט אויפן פסוק: ״וחגותם אותו חג לה׳ שבעת ימים בשנה״, פרעגט ער וואס איז דער ׳בשנה׳? דאס ווארט ׳בשנה׳ איז איבריג. נאר זאגט ער: אז אויב דו וועסט מקיים זיין דעם ״וחגותם אותו חג לה׳ שבעת ימים״, וועט פון דעם ווערן ׳בשנה׳ - א גאנץ יאר וועסטו האבן דעם שמחת החג! זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן.

## שמחת יום טוב

לוסטיגע טעג...

**נאך** יום הקדוש האט דער קאלאשיצער רב זיך אנגערופן מיט א שמחה: "ברוך השם, אז עס גייען שוין די לוסטיגע טעג!".

זיך געזארגט אז די חסידים זאלן מקיים זיין 'ושמחת'

**איך** בין געווען אמאל ביים סקווירא רבי'ן ז"ל חול המועד סוכות. ווי נאר איך בין אריינגעקומען און אים געגעבן 'שלום', זאגט ער מיר: "**ראש השנה און יום כיפור, מורא האבן, מורא האבן, נו דאס מילא! אבער 'ושמחת בחגך', וויאזוי איז מען דאס מקיים?!**".

**יארן** לאנג איז מיר שווער געווען: "ווער דען איז מקיים דעם 'ושמחת' אויב נישט די צדיקים? אויב אים איז געווען שווער מקיים צו זיין דעם 'ושמחת בחגך', נו, וואס זאלן מיר שוין זאגן?". ביז עס איז מיר בייגעפאלן א שטיקל תירוץ. עס שטייט "ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך והלוי וגו'", און אין שו"ע ווערט געפסקנ'ט (תקכ"ט ס"ב) אז מ'דארף דערפרייען די אלע 'נלוים אליו'. קומט אויס, אז א רבי דארף אריינברענגען שמחה אויך אין אלע חסידים וואס זענען נלווה צו אים. עס קען זיין אז דאס האט דער סקווירא רבי געמיינט צו זאגן: "מילא ער פאר זיך זאל מקיים זיין דעם 'ושמחת' - וואלט נאך געקענט מיטגיין, אבער אריינצוברענגען שמחה אין אלע חסידים - דאס איז שוין נישט קיין קליינע עבודה...".

**מען** קען דאס אביסל אונטערבעטן, מיט אן עבודת ישראל. די משנה זאגט: "ערב יום כיפורים שחרית מעבירין לפניו פרים ואילים וכבשים כדי שיהא מכיר ורגיל בעבודה". פרעגט די גמרא: פארוואס האט מען נישט דורכגעפירט די 'שני שעירים'? ענטפערט די גמרא וויבאלד עס קומט אויף א חטא, איז 'חלשא דעתיה'. פרעגט די גמרא: די 'פרים' קומען דאך אויך אויף

א חטא? ענטפערט די גמרא: די פרים זענען בלויז פאר זיין שבט, און 'באחיו הכהנים אי איכא איניש דאית ביה מילתא מידע ידע ליה ומהדר ליה בתשובה' - ביי זיין שבט ווייסט ער און ער איז אים מחזיר בתשובה, אבער ביי גאנץ כלל ישראל ווייסט ער נישט. פון וואו ווייסט טאקע דער כהן גדול ביי זיין שבט יא? זאגט דער עבודת ישראל א שטארקן הסבר: ווייל אויב אין זיין שבט איז דא א פגם ח"ו, פילט די קדושה פונעם ראש השבט אויך עפעס א חסרון, פון דארט באקומט ער די ידיעה, און ממילא ווייסט ער אים מחזיר בתשובה צו זיין.

**עס** שטייט דאך, אז די 'נלווים אליו' פון א צדיק זענען פון זיין שורש נשמה, ממילא האבן דאך די נלווים א שייכות צו אים פונקט ווי דער שבט צום כהן גדול. קומט אויס אז דארט וואו עס פעלט אין דעם 'ושמחת' ביי די נלווים אליו - פילט דאס דער צדיק אליין אויך! מיט דעם קען מען שוין פארשטיין וואס דער סקווירא רבי ז"ל האט געמיינט ביים פרעגן: 'ושמחת בחגך', וויאזוי איז מען דאס מקיים?!".

זיך מאכן פרייליך...

**דער** הייליגער קאלאשיצער רב זצ"ל פלעגט זאגן: "אז מען מאכט זיך אן ערליכער איד - ווערט מען אן ערליכער איד!". מיט דעם קען מען טייטשן: "**ושמחת בחגך**" - אז דו וועסט דיך מאכן פרייליך, אפילו אויב עס איז נאכנישט אמת'דיג, "**והיית אך שמח**" - וועסטו ווערן פרייליך.

## עבודת הסוכה

די שענסטע נוי סוכה – צדקה פאר ארימעלייט

**דער** ראזוואדאווער רב, רבי משה'לע ז"ל האט געהאט גאר א הערליכע באצירטע סוכה, אזוי ווייט אז די פריצים פון די געגנט פלעגן קומען זען די סוכה. איינמאל, בשעת ווען דער ראזוואדאווער רב איז אריינגעקומען אין דער סוכה, האט ער געגעבן א קרעכץ און געזאגט: "אה, דער צאנזער רב האט פארטיילט ערב סוכות אכצן הונדערט גילדן, דאס איז נוי סוכה!".

עס קומט נישט צו צום דארפסמאן...

**איינמאל** איז דער ראזוואדאווער רב, רבי משה'לע ז"ל אריינגעקומען אין זיין סוכה, און געזאגט "מקנא בין איך דעם דארפס איד, וואס ער מאכט זיך זיין סוכה אין דארף, און קיינער ווייסט נישט און קיינער זעט נישט".

אוועקגעגעבן האלב עולם הבא – צו שלאפן אין דער סוכה

**דער** קאלאשיצער רב האט דערציילט: ר' לייביש טארניגראדער (דער טאטע פונעם צאנזער רב זצ"ל) האט געוואלט שלאפן אין דער סוכה, אבער עס איז געווען זייער קאלט און ער האט נישט געטראפן קיינעם וועלכער זאל מסכים זיין צו קומען שלאפן מיט אים (און אליינס, האט ער נישט געוואלט שלאפן, כמובא בספה"ק). ביז ער האט זיך איינגעבעטן ביי איינעם און אים צוגעזאגט א האלב פון זיין עולם הבא, און דעמאלט האט יענער מסכים געווען צו שלאפן מיט אים אין דער סוכה.

**יארן** זענען דורכגעלאפן, ר' לייבוש איז שוין געווען אויפן עולם האמת, און דער מענטש איז קראנק געווארן ל"ע און געזען אין חלום אז ר' לייבוש קומט צו אים און ער זאגט אים: "עס איז שוין געקומען דיין צייט צו גיין פון דער וועלט, אבער אויב דו וועסט מיר מוותר זיין פון מיין צוזאג צו באקומען האלב פון מיין עולם הבא - וועסטו געזונט ווערן און לעבן נאך יארן!". האט יענער זיך אנגערופן: "איך בין מסכים מוותר צו זיין!". און דער איד האט טאקע געהאט א רפואה שלימה[א].

**ווען** דער קאלאשיצער רב האט געענדיגט פארציילן די מעשה, האט ער געפרעגט פון ר' יצחק לייכטאג ע"ה: "איטשע, וואס האלטסטו, האט



א איך האב געהערט פארציילן א גירסא, אז דער איד האט שפעטער חרטה געהאט דערויף, און איז געקומען צום צאנזער רב זאגנדיג "איך האב חרטה וואס איך האב געזאגט פאר אייער טאטן"... אבער דער צאנזער רב האט אים גארנישט געענטפערט, נאר געשמייכלט...

דער איד גוט געטון אז ער האט מוותר געווען?". האט ער געענטפערט: "אודאי נישט!". האט זיך דער קאלאשיצער רב אויפגעשטעלט און זיך צושריגן מיט התלהבות: **"חס ושלום! א איד, ווי לאנג ער לעבט, קען ער זיך אויסארבייטן ביז צו דער מדרגה פון אברהם אבינו!"**. און ער האט נאכאמאל איבערגעזאגט: **"חס ושלום! א איד, ווי לאנג ער לעבט, קען ער זיך אויסארבייטן ביז צו דער מדרגה פון אברהם אבינו!"**.

נישט געזען קיין פליג אין דער סוכה

**אינעם** ספר "שבחי רב ייבי" (פון אוסטראה, א תלמיד פונעם מעזריטשער מגיד) ברענגט ער א מעשה, אז אין די סוכה פון רב ייבי פלעגט קיינמאל נישט אריינקומען קיין פליג. [דאס איז געווען א גרויסער חידוש, ווייל אינדערהיים איז דאך נישט געווען אויסגעפלאסטערט אזויווי דאהי, און בכלל האט מען נישט געקענט רייניגן אזויווי היינט, און געווענליך פלעגט איבעראל זיין פול מיט פליגן]. רבי פנחס קאריצער האט דעמאלט אויך געוואוינט אין אוסטראה [צוליב די רדיפות אין זיין שטאט קאריץ, איז ער געווארען איינגעלאדענט דורך רב ייבי צו קומען קיין אוסטראה], און מען האט אים פארציילט דעם גרויסן פלא, אז אין רב ייבי'ס סוכה איז נישטא קיין פליג [ווייזט אויס אז אין די סוכה פון רבי פנחס איז יא געווען פליגן], איז עס געווען א גרויסער חידוש ביי אים, האט ער געזאגט אז ער וויל דאס אליינס זען מיט די אייגענע אויגן. איז ער אריבערגעגאנגען צו רב ייבי'ן און געזעצן דארט א שטיק צייט, און עס איז טאקע נישט געווען קיין איין פליג. איידער ער האט זיך אויפגעהויבן אוועקצוגיין, איז אראפגעפאלן איין פליג פון דער סכך. האט רבי ייבי זיך אנגערופן: "דאס איז נאר כדי לפייס דעתכם"...

**לכאורה** דארף דער מעשה א שטיקל הסבר. ווייל רבי פנחס'ל קאריצער איז דאך געווען פון די גרעסטע צדיקים בדורו, נו, ווי קומט דאס, אז ביי אים אין דער סוכה איז יא געווען פליגן? האט ער דען נישט געקענט ממשיך זיין דעם זעלבן ענין ווי רב ייבי?

**נאר** מען קען אפשר זאגן, די משנה (אבות פ"ה ה') רעכנט אויס צווישן די עשרה נסים וואס זענען געווען אין בית המקדש: "ולא נראה זבוב בבית המטבחים" - מען האט קיינמאל נישט געזען קיין פליג אינעם בית המטבחים, וואו מען האט געוואשן די פלייש. קען מען לערנען צוויי וועגן: אז בעצם האט מען אינעם גאנצן בית המקדש נישט געזען קיין פליג, נאר די משנה רעדט בלויז פונעם בית המטבחים, ווייל נאר דארט האט מען געדארפט אנקומען צו א נס, אז כאטש מען האט דארט עוסק געווען מיט פלייש און בלוט, דאך איז נישט געווען דארט קיין פליג[ב].

**אדער** קען מען לערנען אז בלויז דארט איז נישט געווען קיין פליג, וויבאלד דארט האט זיך דורכדעם ארויסגעוויזן דער חביבות פונעם אייבערשטן צו כלל ישראל, אז עס איז נישט געווען קיין פליג - למעלה מדרך הטבע, אבער אין אנדערע פלעצער אינעם בית המקדש איז אפשר יא געווען, וויבאלד דארט איז עס נישט קיין נס אז עס איז נישטא קיין פליג. און אזוי איז טאקע משמע דער פשטות המשנה, וואס עס שטייט נישט 'אפילו' בבית המטבחים[ג].

**עס** איז דאך באקאנט וואס דער ערשטער בעלזער רב ז"ל האט געזאגט, אז די סוכה האט קדושת בית המקדש. יעדע צדיק איז ממשיך זיין עבודה פון א געוויסע עבודה אין בית המקדש אדער פון א געוויסן מקום אין בית המקדש. ממילא לויט דעם קען מען אפשר זאגן, אז רב ייבי האט ממשיך געווען דעם קדושת בית המקדש פונעם בית המטבחים וואס דארט איז געווען א נס אז עס איז נישט געווען קיין פליגן, ממילא איז ביי אים אין סוכה אויך נישט געווען קיין פליגן. און רבי פנחס קאריצער האט אפשר גאר ממשיך געווען א קדושה פון א העכערן מקום אין בית המקדש, ממילא איז שוין גארנישט שווער פארוואס ביי אים אין דער סוכה האט יא געקענט זיין פליגן.



ב וכן מובא במדרש שמואל בשם מהר"ם אלשקר.

ג וכן פירש בספר פרקי משה ממהר"ם אלמושנינו.

## עבודת הנענועים

### גע'פועל'ט ישועות דורך די נענועים

**דער** טאטע זכרונו לברכה האט געהערט פונעם זיידן רבי חיים ראובן ז"ל, וואס ער האט זיך געווייקט אין ראזוואדאוו ביי רבי משה'לע ז"ל. אז אמאל סוכות, האט דער רב געמאכט די נענועים ביי הלל. און דארטן פלעגט זיין איינגעפירט אז די יונגלעך - די אייניקלעך פונעם ראזוואדאווער רב האבן געהאט אייגענע ד' מינים. נו, ווי געוועגליך האבן זיך די קינדער צווישן זיך ארום געשלאגן מיט די ד' מינים... און זיי האבן א שטופ געגעבן דעם ראזוואדאווער רב. האט זיך דער רב אויפגעהויבן דעם טלית[ד] און מקצר געווען. שפעטער נאכן דאווענען, האט דער ראזוואדאווער רב געזאגט: **"פארוואס גיבט מען נישט אכטונג אויף די קינדער? איך האב געדארפט א ישועה פאר א איד, איך האב עס שוין געהאט אזוי**[ה] (און געוויזן אויף דער האנט פלאך, ווי איינער זאגט: איך האב עס שוין געהאט אין דער האנט), **און די לאמפעטעס** (-ווילדע קינדער) **האבן מיך מבלבל געווען. און היינט 'מי יודע'!"** (צי יענער וועט נאך האבן א ישועה).[ו]

---

ד דאס הייסט, אז בשעת די נענועים איז דער טלית געווען אראפגעצויגען אויפן פנים.

ה מזה רואים, שבשעת הנענועים הוא עת רצון לתפלה.

ו כידוע פלעגט דער רבי זי"ע זייער לאנג מאריך זיין מיט דער עבודה פון די נענועים. הרב החסיד ר' אייזיק קעפעטש שליט"א דערציילט: אמאל אינעם צווייטן טאג חוהמ"ס (ח"י תשרי) נאכן דאווענען, זענען מיר אריינגעגאנגען אין דער סוכה צו טרינקען לחיים לעילוי נשמת דעם קאלאשיצער רב זצ"ל, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן: "דער קאלאשיצער רב האט געמאכט לאנגע נענועים?". האט ער געענטפערט: "ניין!". און ער האט ממשיך געווען מיט א שמייכל: "וואס ווילט איר פרעגן?", און עס איז געווען זעלבסט פארשטענדליך אז ער וויל זיך פארענטפערן אויף דעם וואס ער מאכט יא לאנגע נענועים, אבער איך האב זיך גארנישט אנגערופן, נאר ער האט זיך אליינס אנגערופן אלס תשובה: "איך וועל אייך פארציילן א מעשה", און ער האט דערציילט דעם מעשה פונעם ראזוואדאווער רב. און ער האט אויסגעפירט: "נו, וועלכער איד האט דען נישט אויף וואס מתפלל צו זיין?".
אזוי אויך ווען דעם רבינ'ס זון הרה"צ ר' חיים מאיר שליט"א האט אים אמאל

### אפגעשטופט מלחמות דורך די נענועים

**ביים** ראזוואדאווער רב רבי משה'לע ז"ל איז געווען דער סדר אז צווישן מנחה און מעריב, פלעגן די קינדער און קרובים צוגיין און באגריסן. און רבי משה'לע האט געפרעגט יעדן איינעם: "וואס זאגסטו עפעס? וואס הערט זיך עפעס?". איין יאר ווען דער זיידע רבי חיים ראובן ז"ל איז געפארן אויף יום טוב, איז געווען א גרויסער רעש, אז אט אט וועט אויסברעכן א מלחמה. ווען ער איז אנגעקומען אויף ראזוואדאוו איז ער - אלס א קרוב - אויך צוגעגאנגען צום רב צווישן מנחה און מעריב. האט אים דער רב געפרעגט: "וואס הערט זיך עפעס?", האט ער געזאגט: "דער עולם איז באזארגט אז עס וועט זיין א מלחמה!". "אזוי? ווען רעדט מען וועט זיין א מלחמה?". האט ער געענטפערט: "באלד נאך אסיפת גרנות (נאך סוכות) ווען מען נעמט אריין די תבואה!". האט רבי משה'לע זיך אנגערופן: "אה, אה, האפן מיר אז מיר וועלן נעמען דעם אתרוג און לולב אין דער האנט אריין, וועלן מיר 'משבית מלחמות' זיין 'עד קצה הארץ'!". און אזוי איז טאקע געווען, עס איז געווארן איינגעשטילט און עס איז נישט געווען קיין מלחמה!

### די פנימיות פון רבינס נענועים

**אמאל** חול המועד סוכות בין איך געווען ביים רבין ז"ל ווען דער רבי איז שוין נישט געזונט געווען, דער רבי איז געזעצן ביי הלל און אויפגעהויבען די הייליגע הענט מיט די ד' מינים ביי די נענועים, וואס זאל איך אייך זאגן, דער גאנצער עולם איז אזוי נתעורר געווארען, ס'איז געווארען אזעלכע בכיות אין ביהמ"ד, דער עולם האט געוויינט אויפ'ן קול, ממש ווי ביי כל נדרי!



געפרעגט: "דער לאנצוטער זיידע האט אויך געמאכט לאנגע נענועים?", האט ער געענטפערט: "ניין!". און ער האט זיך צושמייכלט מיט א זיסן שמייכל און געזאגט: "איך האב מיך עפעס אזוי צוגעוואוינט...".

## שמיני עצרת ושמחת תורה

### איין קרעכץ דורכאויס גאנץ תשרי: 'כאשר היה עם אבותינו'

**איך** בין געווען איין יאר (שנת תשט"ז) ביים הייליגן בעלזער רב ז"ל אויף גאנץ חודש תשרי, פון סליחות ביז נאך שבת בראשית. דורכאויס דעם גאנצן תשרי האט מען נישט געהערט פונם רב קיין איין קרעכץ ביי די תפלות. נאר איינמאל שמיני עצרת ווען ער האט געזאגט "אתה הראת" פאר די הקפות, ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער: "יהי ה' אלקינו עמנו כאשר היה עם אבותינו", האט מען געהערט אן '**אוי**', און נאכדעם האט ער ממשיך געווען: "אל יעזבנו ואל יטשנו."

**מען** קען עס אפשר פארשטיין, ווייל אין בעלז האט זיך אלעס געדרייט אויף די אבות, יעדע תורה איז געווען געבויעט אויף א ווארט פונעם טאטן אדער זיידן, און דערנאך האט מען מוסיף געווען אויף דעם. און אזוי איז געווען דער גאנצער הלוך ילך, אלעס נאר די אבות. ממילא, ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער פון 'כאשר היה עם אבותינו' האט ער געגעבן א קרעכץ.

### שפעטע הקפות

**דער** צאנזער רב ז"ל האט געזאגט: "דער וואס ווייסט וואס מיינט 'הקפות', איז שמיני עצרת נישט (אנהייבן) פאר צען אזייגער, און שמחת תורה נישט פאר צוועלף!".

### א תנועה פון א צדיק – און דער עולם האט זיך גענומען טאנצן...

**הרה"ק** ר' איציקל מפשעווארסק ז"ל האט מיר דערציילט ווי א צדיק קען אריינגעבן שמחה אינעם עולם, אז ער איז אמאל געווען שמחת תורה אין שינאווא, דער שינאווער רב האט ארומגעטאנצן איינמאל ביי יעדע הקפה, און דער עולם האט ווייטער געטאנצט, און נאכדעם וואס מ'האט געטאנצט א שטיק צייט זענען זיי ווי געווענליך אביסל מיד געווארן

און ס'איז שוין געווארן אביסל שוואכער. דער שינאווער רב איז געווען אויסגעדרייט צו מזרח און איינגעבויגן ביי זיין עמוד בשעת דער עולם האט געטאנצט, און ווען דער עולם איז געווארן מיד האט ער זיך אזוי געגעבן א הייב אויף גלייך. האט רבי איציקל מיר געזאגט: "וואס זאל איך דיר זאגן? אזויווי ער האט זיך געגעבן אזא שטעל אויף, האט דער עולם אנגעהויבן נאכאמאל צו טאנצן אזויווי מ'וואלט נאך קיינמאל נישט געטאנצן!"... דעם איינעם תנועה איז שוין גענוג געווען, און דער עולם האט זיך צופלאקערט און אנגעהויבן טאנצן מיט א פרישקייט.

הימלישע כוחות...

**אמאל** שמחת תורה בין איך געגאנגען צופיס פון איסט ניו יארק קיין וויליאמסבורג צום רבינס הקפות, די עבודה פונם רבי'ן ביי די הקפות איז נישט משיג צו זיין, מהאט אים געגעבן ממש הימלישע כוחות! איך האב געהערט פון ר' יוסיל אשכנזי וויאזוי ער האט אראפגעלייגט די הקפות ביים רבין ז"ל אין די קריג, די רבי ז"ל האט געטאנצען שעות ארוכות איינער אליין און געהאלטען א שווערע ספר תורה די גאנצע צייט, און ער - ר' יוסיל - האט געזינגען און צוגעפאטשט, ער איז שוין געווארען הייזעריג... די עבודה איז געווען פונקט ווי ווען ס'איז געווען א פול בית המדרש!

צדיקים פון עולם העליון האלטן מיט די הקפות

**איך** בין געווען מיט'ן טאטען ז"ל ווען רבי מענדעלע קאנער פון סאניק האט דערציילט: רבי שלמה'לע באבובער איז אמאל שמחת תורה געזעסן ביי דער סעודה פונם זיידן רבי אליעזר'ל דזיקובער ז"ל. אינמיטן די סעודה האט זיך רבי אליעזר'ל אנגערופן צום אייניקל: "שלמה'לע, וואו האלט אצינד דער זיידע אין צאנז?". ער האט אודאי נישט געענטפערט... האט רבי אליעזר'ל ממשיך געווען: "ער האלט יעצט ביי דער פערטע הקפה, מלאכים ושרפים פאטשן צו, דער טאטע מיינע (הרה"ק מראפשיץ זי"ע) איז אויך דארט, ביי מיר איז ער היינט נישט געווען!".

**דאס** שטומט זייער גוט מיט די מעשה און אפשר איז דאס גאר געווען דעם זעלבן יאר: דער צאנזער רב ז"ל איז אמאל אריינגעקומען צו די הקפות שמחת תורה, האט ער גיעפענט די טיר און ער האט געזאגט אז "מ'זאל צוריקן דעם באלעמער און דארט מאכן די הקפות". פאר'ן עולם איז דאס געווען א חידוש, האט מען געפרעגט דערנאך פארוואס האט דער רבי אזוי געטוהן? האט ער געזאגט "איך בין אריינגעקומען האב איך 'דא' געטראפען דעם הייליגן רב שטיין (הרה"ק מראפשיץ זי"ע), האב איך דא געמאכט די הקפות"!

### געפאלן 'כורעים' שמחת תורה

**דער** הייליגער ראפשיצער רב ז"ל איז אמאל שמחת תורה געפאלן 'כורעים'. נאכדעם האט ער זיך אנגערופן: "פארוואס איך בין היינט געפאלן 'כורעים' ווייסט נאר מיין מעליצער רבי!". נאך יו"ט איז מען געוואויר געווארן, אז זיין זון ר' יאנקעלע מעליצער ז"ל איז אויך געפאלן 'כורעים' שמחת תורה. אגב, דער ראפשיצער רב האט אנגערופן ר' יאנקעלע מעליצער: "מיין בעל שם".

### ניצול ווערן פון חיבוט הקבר

**חסידים** האבן אמאל אונטערגעהערט ווי דער דזיקוב'ער רב רבי יושע'לע ז"ל האט געזאגט אינמיטן די הקפות: "אין דעם זכות וואס איך ווארף מיך פון איין וואנט צום צווייטן (נוסח אחר: איין זייט צום צווייטן) זאל איך ניצול ווערן פון חיבוט הקבר!".

### א הכנה צום קדושת כתר פון שמיני עצרת

**דער** ראזוואדאווער רב רבי משה'לע ז"ל איז אריינגעקומען צום טיש שמיני עצרת נאכן דאווענען, און בשעת ער האט געהאלטן דעם האנטוך און דעם טעפל וואסער זיך צו וואשן, האט ער געזאגט: "אוי, דער אייבערשטער האט אונז געגעבען א חודש אלול. נאכדעם האט ער אונז געגעבן א ראש

השנה מיט א שופר. נאכדעם האט ער אונז געגעבן די עשרת ימי תשובה. נאכדעם האט ער אונז געגעבן א יום כפור - וואס מלאכים ושרפים זענען אונז מקנא מיט דעם טאג.. נאכדעם האט ער אונז געגעבן א סוכות מיט די ד׳ מינים. און דאס אלעס איז געווען א הכנה צום ׳קדושת כתר׳ פון שמיני עצרת, און נאך אזא קנאק הייסט מען אונז גיין וואשן!״. און ער האט אויסגעבראכן אין בְּכִע טרערן (א גרויס געוויין).

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com